№ 1 1929 יאנואר

# רויטע הילף



ארויסגעגעבן דורכן צענטראל-קאָמיטעט
פון דער פאלעסטינער רויטע-הילף.
סעקציע פון א. ר. ה. (מאפר)

# מיר פאָדערן:

1. אפשאפן דאס קניען, דאס שטיין „דוגרי" און דאס קייטלען פון די ארעסטירטע ווען מען פירט זיי צום משפט, פון משפט און פון איין טיורמע אין דער צווייטער.

2. אפשאפן די שטראף פון מלקות.

3. ארויסנעמען דעם אפטריט שטול פון דער קאמערע ווו ס'גע־פונען זיך די ארעסטירטע און ערלויבן באנוצן זיך מיט דעם קלאזעט.

4. מענטשליכע באציונג. שטראף פאר די ב'אמטע וועלכע שלאגן, שעלטן און באליידיקן די ארעסטירטע.

5. בעסערע שפייז, לויט אנגענומענעם מינימום פון נארונגס מיטלען.

6. אונטערשיידן צווישן פאליטישע און קרימינעלע ארעסטירטע: א באזונדער צימער, בעטן, שטולן, א טיש, געפעס, זייף, האנטוכער, בעט וועש פאר די פאליטישע ארעסטירטע.

7. ניט אנטין די פאליטישע ארעסטירטע ארעסטאנטן קליידער.

8. צולאזן ביכער, צייטונגען, שרייב געצייג און שפיל געצייג (שאכמאטן, שאשקעס א.א.וו.)

9. שפאצירן צוויי מאל אין טאג.

10. צולאזן זעאונגען יעדער וואך; צולאזן שפייז פראדוקטן פון דרויסן.

11. געבן ארבעט די פאליט. ארעסטירטע לויט זייער פאך, אדער אנדערע ארבעטן אין די ווערקשטאטן פון דער טיורמע לויט דעם אויסוואל און ווילן פון דעם ארעסטירטן.

12. באפרייען פון טיורמע די וועלכע זענען פאראורטיילט ארויס־געשיקט ווערן, וועמענס טיורמע שטראף איז געענדיקט פאר דעם גירוש.

שטיצט די פאָדערונגען, קעמפט פאר זיי!!

HEBREW UNION COLLEGE · JEWISH INSTITUTE OF RELIGION · CINCINNATI, OHIO
LIBRARY



לענין

# די טרויער וואָך

די דריטע וואָך פון יאַנואַר איז אַ טרויער וואָך פאַר די אַרבעטער און אונטערדריקטע פון דער גאַנצער וועלט. אין דער וואָך זענען דערמאָרדעט געוואָרן צוויי באַליבטע פירער פון דעם דייטשן און אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט, צוויי גענאַלע קעמפער און מוטיקע רעוואָלוציאָנערן — די ח.ח. ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט. אין דער זעלבער וואָך איז אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס לעבן פון דעם טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער פון דער ערשטער אַרבעטער רעפּובליק אויף דער וועלט. דער פירער און מאַסטער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע — דער אומשטערבלעכער וולאַדימיר איליאיטש לענין.

• • •

מיט 6 יאָר צוריק, דעם 21 טן יאַנואַר 1924 איז געשטאָרבן לענין. אין דעם יאָרצייט־טאָג דערמאָנען מיר זיך, אַז דאָס איז געווען אַ אַרבעטער פירער, וועלכער האָט זיין לעבן אָוועקגעגעבן דעם קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון אַרבעטער קלאַס. דער לעבן און טעטיקייט פון דעם גענאַלן מענטשן איז אַ קוואַל פון וויסן פאַר יעדן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער.

לענין איז געשטאָרבן, אָבער זיין גייסט לעבט! ער לעבט אין דעם לעבעדיקן מאָנומענט, וועלכן ער אַליין האָט אויפגעשטעלט — אין דער ערשטער אַרבעטער און פּויערים מדינה, וואָס לייכט ווי אַ העלער טורם אין די טעג פון דער פינסטערער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע. די ראַטן רעפּובליק דריקט ווי אַ מעכטיקע באַרג די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע וועלט און צויסט די ווילדע אַפּעטיטן פון די אימפּעריאַליסטישע אַקולעס; זי איז אַ לעבעדיקע ווירקזאַמע אילוסטראַציע פאַר הונדערטער מיליאָנען פּראָלעטאַריער און פאַרשקלאַפטע פּויערים אין די קאָלאָניעס. — ווי אַזוי דער פּראָלעטאַריאַט אין בונד מיטן פּויערטום שמידט זיין גורל.

די ראַטן־רעפּובליק — לענינס אויפבוי איז די זיכערע היים פאַר אַלע פאַרפאָלגטע רעוואָלוציאָנערן, קעמפער קעגן דער הערשאַפט פונם קאַפּיטאַל, קעגן דעם ווילקיר פון דעם אימפּעריאַליזם, זי איז די ווירקליכע פאָטערלאַנד פון אַלע אונטערדריקטע.

לענינס גייסט לעבט אין מיליאָנען פּראָלעטאַריער, וועלכע פירן אַ אומאיינטערבראָכענעם און פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער שאַנד עקספּלואַטאַציע פון דער בורזשואַזיע, קעגן דער געפאַר פון נייע אימפּעריאַליסטישע מלחמות, קעגן דער אונטערדריקונג פון די קאָלאָניאַלע און שוואַכע פעלקער. פאַר דער באַפרייונג פון אונטער דעם יאָך פון קאַפּיטאַליזם.

אין דעם קאַמף קומט זיי אויס אויסצושטיין ווילדע נקמה אַקטן פון דער בורזשואַזיע, איר פּאָליציי, איר יוסטיץ און אירע טורמעס וווּ סיזיצן פאַרשפאַרט צענדליקער טויזנטער פּראָלעטאַריער.





ראזא לוקסעמבורג



אין דעם יאר־צייט טאג פון לעניגס טויט איז אונזער חוב געדיינקען אן די קרבנות פון דעם קאמף, וועלכן לענין האט געפירט. דער קאמף פאר דער באפרייונג פון די ארבעטער און אונטערדריקטע פון גאר דער וועלט.

* * *

מיט 10 יאר צוריק איז דאס געווען, אין די רעוואליוציאנערע יאנואר טעג פון 1919 אין בערלין. די אפיציעלע דייטשלאנד, דאס דייטשע קייזערטום, איז דענסטמאל געווען באזיגט, דער דייטשער פאלק האט דאן באזיגט זיין שטארקן און בלוטיקן פיינד. ער האט פארטריבן די דינאסטיע האהענצאלערן. פון מזרח האט געלייכטן די ארבעטער און פויערים רעפובליק. זי האט געצויגן איר ברודערליכע האנט דעם דייטשן פראלעטאריאט און אנגעבאטן א בונד פון געמיינזאמען קאמף פאר דער סאציאלער רעוואליוציע. און פון מערב האבן זיך אנגערוקט שווערע, שווארצע וואלקנס פונם ווערסאלער אפמאך זיי האבן געטראגן מיט זיך רויב, עקספלואטאציע און אונטערדריקונג פאר דעם דייטשן ארבעטער פאלק.

דער רעוואליוציאנערער פראלעטאריאט פון בערלין, געשטיצן דורך דער שווערער לאגע און אנגעפירט מיט זיין געזונטן פראלעטארישן חוש און דורך זיינע באליבטע פירער קארל און ראזא, איז אויפגעשטאנען און האט אויסגעשטרעקט זיין האנט דעם רוסישן ארבעטער קלאס, בכדי צו שליסן דעם געאייניקטן פראלעטארישן פראנט קעגן דעם פראנט פון די ווערסאלער רויבער, קעגן דער קאפיטאליסטישער אונטערדריקונג פאר איין געאייניקטער סאציאליסטישער ראטן רעפובליק פון רוסלאנד און דייטשלאנד.

די דייטשע בורזשואזיע, א איינגעטונקענע אין דעם בלוט פון ארבעטער און פויערים, וועלכער איז פארנאסן געווארן בעת דעם קריג, די איינציקע שולדיקע פאר די צרות פון דעם דייטשן פאלק האט זיך געשיקט אפגערוקט אן א זייט און ציטער פאר דעם צארן פון דעם ארבעטער קלאס. זייענדיק אנטעכטיק בייצושטיין דעם אנגריף פון דעם ,רוואכטן פראלעטאריאט האט זי זיך דערמאנט אן אירע פארבינדעטע אין דער צייט פון קריג, אן די עבערטס און שיידעמאנס, וועלכע האבן צוזאמען מיט איר געשטיצט פאר דעם קריגס ביזדושעט און געשיקט די ארבעטער און פויערים אויף די פעלדער פון טויט און פארוויסטונג — הינטער די פלייצעס פון די רענעגאטן פון דעם דייטשן פראלעטאריאט האט זיך באהאלטן די דייטשע בורזשואזיע אין יענע שטורמיקע טעג — „עד יעבר זעם".

פונקט אזוי פארעטעריש ווי אין די טרויעריקע אוגוסט טעג פון 1914 האבן די עבערטס און שיידעמאנס פאראטן דעם דייטשן ארבעטער קלאס אין די טעג פון זיין אייפשטאנד. פונקט אזוי טריי ווי זיי האבן געדינט דער דייטשער בורזשואזיע אין דער צייט פונם קריג, אזוי טריי האבן זיי זי באדינט אין די טעג פון דער פראלעטארישער רעוואליוציע אין בערלין. אויסנוצנדיק זייער נאמען אלס פירער פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע, אויסנוצנדיק דעם נאמען פון דער סאציאל־דעמאקראטיע אלס ארבעטער פארטיי, האבן זיי געבונדן די הענט פון דעם טייל פון די דייטשע ארבעטער.



קאַרל ליבקנעכט

וועלכע האבן נאך ניט געוואגט זיין קעגן זייערע פירער. דער טייל האט זיך געוואקלט גראדע אין דעם מאמענט ווען די געשיכטע האט פון אים געפאדערט אנטשידענע מעשים. דערווייל האבן עבערט, שיידעמאן און נאסקע צוזאמענגעזאמלט די צוואר־פענע כחות פון דער בורזשואזיע און פרייסישע יונקערס און האבן זיי געווארפן אויף דעם אוואנגארד פון דעם בערלינער פראלעטאריאט...

מיט א אכזריות, וועלכע באצייכנט דעם קאמף פון דער בורזשואזיע קעגן דעם פראלעטאריאט, האבן די באוואפנטע יונקערישע באנדעס, די שליחים פון שיידעמאן און נאסקע,— דערשטיקט די ארבעטער רעוואלוציע. טויזנטער פראלעטאריער זענען געפאלן פון זייערע הענט. צווישן זיי די בעסטע פירער פון דעם רעוואלוציאנערן פראלעטאריאט, וועלכע זענען מיט זיי געווען אין קאמף און אויף זייערע קאמפס־פאסטן געפאלן. דאס זענען ראזא לוקסעמבורג און קארל ליבקנעכט. וועלכע זענען דערמארדעט געווארן דעם 15־טן יאנואר 1919.

• • •

מיר נייגן אונזערע קעפ פאר די געפאלענע מיטקעמפער רעוואלוציאנערן, קעמפער פאר דער אלגעמיינער ארבעטער זאך, פאר דער זאך פון אלע אונטערדריקטע און רופן די ארבעטער פון פאלעסטינע צו פראלעטארישער סאלידאריטעט! מיר רופן זיי געדיינקען, אז ס'דויערט נאך דער שווערער קאמף פאר דער סאציאלער רעוואלוציע, אז נאך דויערט די ווילדע נקמה פון דער בורזשואזיע, אז נאך זענען די טורמעס פון די קאפיטאליסטישע לענדער און קאלאניעס איבערפילט מיט רעוואלוציאנערן, אז נאך הערשט דער ווייסער טעראר אין אלע ווינקעלאך פון דער קאפיטאליסטישער וועלט. מיר רופן צום קאמף קעגן בורזשואזן טעראר און בורזשואזער יוסטיץ; מיר רופן זיי שטיצן און שטארקן די רייען פון דער אינטערנאציאנאלער פארטיידיקונגס ארגאניזאציע פון דעם ארבעטער־קלאס — די רויטע הילף

■

**שטיצט די רויטע־הילף!**



# די רויטע־הילף אין פּאַרפּאַליע!

די רויטע הילף אין פאלעסטינע איז קיינמאל ניט געווען לעגאל. ניט געקוקט דערויף, וואס איר טעטיקייט איז פאלקאם געזעצליך — אפילו לויט דער אפגעלעבטער טערקישער געזעצגעבונג — איז דאך געווען קלאר פאר די גרינדער פון דער רויטער־הילף, אז זי וועט ניט נושא חן זיין בא די מאכט־האבער.

וואס זענען געווען די סבות, וועלכע האבן געבראכט צו דער אנשטייונג פון דער ר.ה. אין פאלעסטינע?

דאס איז געווען די נויטיקייט העלפן די פאַרפאלגטע ארבעטער, רעוואלוציאנערן, פּאַרטײדיקן זיי פון דעם אימפעריאליסטישן אונטערדריקונגס־אפאראט. טעראר איז אבער איינער פון די גרונדשטיינער אויף וועלכן די אימפעריאליסטישע מאכט באזירט זיך דא אין לאנד אין דער. ווער ס׳באקעמפט דעם טעראר, יענער גראבט אונטער דעם יסוד פון דער אימפעריאליסטישער הערשאפט אין לאנד.

די רעגירונג האפט, אז דורך די ארעסטן, בארבארישן טיורמע רעזשים, מלקות און גירושים וועט איר געלונגען צו פארניכטן די רעוואלוציאנערע ארבעטער באוועגונג אין פאלעסטינע; זי זעט אבער ניט אז יעדער געוואלד־אקט פון איר זייט רופט ארויס סימפאטיעס צו די איבער וועלכע דער געוואלד־אקט איז באגאנגען. באזונדערס פילט זיך דאס אין דער פארשטארקטער טעטיקייט פון דער רויטע־הילף, וועלכע איז דוקא אין די צייטן פון די צאלרייכע ארעסטן און גירושים, אין די טעג פון די מלקות און מיסהאנדלונגען מיט די פארהאפטעטע אין די טיורמעס, גראדע דאן איז געוואקסן די סימפאטיעס פון די ארבעטער צו דער ר.ה.

ווי יעדע זעלבסטהערשונג איז אויך די פאלעסטינער רעגירונג טומפ־קורציק בכדי זי זאל פארשטיין אז מיט איר טעראר גראבט זי זיך א גרוב, זי איז דעספאטיש בכדי זי זאל זיך רעכענען מיט דער געזעלשאפטליכער מיינונג, איר מלוכהישע חכמה און מלוכהישער כח באשטייט איינציק אין דעם ברוטאלן כח פון דער פאליציי און זשאנדארמעריע, וועלכע האבן כמעט ווי אומבאגרעניצטע רעכט. פאליסן, שפיקעס, זשאנדארמען פארפלייצן דאס לאנד און הערשן הפקרות׳דיק איבער די בירגער פון לאנד מיט דער הילף פון קורבאטש, שפיאנאזש, פראוואקאציע און באקשיש.

די רעפרעסיעס שוואכן אפשר אפ פיזיש אונזער ארגאניזאציע פון ר.ה., אבער זיי פארשיפן, פארשפרייטן צווישן אלע אונטערדריקטע שיכטן פון דער באפעלקערונג די אידעע פון ר.ה. דאס באוויזן פון פראלעטארישן סאלידאריטעט. אמת, די פאליציי האט פארטריבן די ר.ה. אין טיפער פאדפאליע אבער גראדע די פאליצייאישע פארפאלגונגען האבן טויזנטפאכן פאפולאריזירן די טעטיקייט פון דער רויטע־הילף.



אויף יעדן משפט פון דער ר.ה. און אויף אלע משפטים קומען יעצט פאר גאנץ אפט, ווערן פארעפענטליכט מאטעריאלן איבער דער טעטיקייט פון דער ר.ה. די מעטסטע פאליציי אגענטן ברענגען די מאטעריאלן אלס באווייזן פאר דער „פארברעכערישער טעטיקייט" פון דער רויטע־הילף. אין דער אמת׳ן דעקן זיי אליין אויף דעם דעספאטישן און פארברעכערישן כאראקטער פון דער רעגירונג, וועלכע פארפאלגט אזא טעטיקייט און שטעלט מיט שאנדע די „ציוויליזאטארישע" טעטיקייט פון דער ענגלישער מאכט. ווייל, ווען וואס זאגן עדות די מאטעריאלן, וועלכע האבן פיגורירט אויף די משפטים פון די ח.ח. קאנעווסקי, חרמני, ליסטאווינסקי, בהירי, ברנש, שיכטער א.א.וו. א.א.וו.? זיי שילדערן וואס די ר.ה. האט געטאן פאר די ארעסטירטע ארבעטער, פאר זייערע משפחות; מיט וואס און ווי אזוי זי האט זיי געשיצט; די מאטעריאלן דעקן אויף די בארבארישע טיורמע באדינגונגען, די הפקר מאכט פון דער פאליציי, די נקמה אקטן פון די שוטרים, די מיאוסע פראוואקאטארישע מעשים פון די שפיקעס א.א.וו.

און מיר ווייסן, אז גראדע דער מאטעריאל, וועלכער רופט ארויס ווילדע נקמה תאוות מצד דער פאליציי, רופט ארויס נייע סימפאטיעס צו דער ר.ה. מצד דער באפעלקערונג. דאס איז ניט איין מאל געקומען צום אויסדרוק אין די געלונגענע קאמפאניעס וואס די ר.ה. האט ארגאניזירט. די פאליציי וויל אויסניצן איר גאנצע רציחה אף דער ר.ה. מיט דעם איז צו דערקלערן, וואס א גרויסער טייל פון די ארעסטירטע אין ארויסגעשיקטע אדמיניסטראטיוו פאר דער לעצטער צייט זענען דאס באשולדיקטע אין ר.ה טעטיקייט. די פאליציי זעט אין דער ר.ה. דעם באריער, וועלכער שטערט איר וועג און דאריבער שטרעבט זי ראשית כל פארניכטן אים. איר וועג ווערט באשטימט דורך דעם פראצעס פון קאפיטאליזאציע פון לאנד, פארבארייטונגען צו די קאנצעסיעס פון דעם אויסלענדישן קאפיטאל, דורך דעם העפטיקן וווקס פון דער פלאנטאציאנס־ווירטשאפט, וועלכע ווערן באצייכנט מיט עקספראפריאציע פון דעם פעלאכישן באדן ייִנקען פון די ארבעטס־באדינגונגען ביז דעם לעבנס־ניווא פון קאלאניאלע שקלאפן. דער דאזיקער וועג ווערט דורכגעטראטן דורך דער פאליציי מיט׳ן קורבאטש און געוואלד ווערן פויערים אראפגעטריבן פון זייער באארבעטן באדן, ווערן ארבעטער געצוואונגען ארבעטן און הונגערן, ארבעטסלאזע — הונגערן און שווייגן.

אין קאמף קענן דעם איז די רויטע הילף אנגעשטאנען, אין קאמף קעגן דעם איז זי געוואקסן, דעם קאמף וועט זי פארזעצן טראץ דעם וואס זי איז פארטריבן אין פארפאליע. די סימפאטיעס פון די בריי׳טסטע ארבעטענדע שיכטן אין לאנד זענען אויף דער זייט פון דער ר.ה. דאס שטארקט זי אזוי אז קיינע פאליצייאישע פארפאלגונגען זענען ניט בכח זי אונטערדריקן. להפך, וואס שטארקער די פארפאלגונגען אלץ טיפער שלאגן די ווארצלען פון די רויטע־הילף אידעען צווישן דער אונטערדריקטער באפעלקערונג אין לאנד, אלץ קלארער ווערט די נויטווענדיקייט פון אזא ארגאניזאציע און אלץ ברייטערע מאסן פון ארבעטער און ארבעטענדע וועלן שטיצן די רויטע־הילף אין איר געררעכטיקן און גיצליכן קאמף.

---

# קינדער־פארפאלגונגען

ס'קלינגט מאדנע, ווי אן אנעקדאט, דאך איז עס א טרויעריקע ווירקליכקייט. אין דער מאנדאטן לאנד פון ענגלאנד אין פאלעסטינע, ווערן קינדער פארפאלגט, געמשפט, געשטראפט לויט דער גאנצער הארטקייט פון דעם אימפעריאליסטישן רעזשים.

קליינע, מינדערעריקע קינדער ווערן געמשפט צו שמיץ, ווערן ברוטאל באהאנדעלט, געזידעלט, געשלאגן פון די אפיציעלע, יוסטיץ־אנשטאלטן און זייערע שומרים. ווען דער ציוויליזירטער שופט נופך משפט קינדער צו מלקות, וואס זאל מען דאן פאדערן פון דעם ניט ציוויליזירטן פאליס, וועלכער ארעסטירט דאס קינד!

קינדער זענען אין אלע צייטן, אין אלע לענדער א פריווילעגירטער טייל פון דער געזעלשאפט. אפילו די ברוטאלע פעאדאליסטישע ארדנונג — האט אויסגענומען איר שווערן רעזשים, אירע ווילדע באַרבארישע שטראפן אויסמיידן בנוגע די קינדער.

אין פאלעסטינע אבער איז אנדערש. צען יאר, אז דא הערשן די ענגלישע פקידים, ווי זענען געקומען אהער צו זייען קולטור, ציוויליזאציע — זיי האבן זיך פארפליכטעט צו דערציען די ארטיקע איינגעבוירענע באפעלקערונג, מיט די ענגלענדער צוזאמען זענען געקומען די ציוניסטן — די ציוניסטישע אידעאליסטן, כלל־טוער, אדוואקאטן, שרייבער, שופטים און פאליסן.

זיי ווילן ווייזן דער גאנצער וועלט א מוסטער ווי אזוי אין דער ווילדער אזיע וועט אויסוואקסן א קולטורעלע מדינה.

און דעריבער מאכן זיי קיין חלוק ניט צווישן דערוואקסענע און קינדער.

פאליסן ארעסטירן ארעמע, היימלאזע קינדער, מ'שטעלט זיי אין „גרויזאמע" פראטאקאלן — און נופך — דערציהט זיי מיט שמיץ.

די אלטע שוין לאנג פארפוילטע, פארשימלטע דערציונג מאראל — פון דאמאסקאוויעוויטשיגע — איז געווארן דורך דעם אימפעריאליסטישן רעזשים, מיט דער הילף פון ציוניסטישע שופטים, דערהויבן צו א מלוכה־מאראל. צו א יסוד פון דער מאדערנער יוסטיץ. נאר דאס איז נאך ווייניק. די ענגליש־ציוניסטישע שופטים האבן פארפאלקאמט דעם „דאמאסטראי מעשאד".

ניט נאר שמיץ — נאר טורמע און גירוש — ווענדן זיי אן קעגן נאר קליינע קינדער. און נאך מער, ניט נאר פאר זייערע אייגענע חטאים, פארברעכן ווערן די קינדער באשטראפט, געשמיסן — נאר פאר די „פארברעכן" פון זייערע עלטערן.

איז דער פאטער, די מוטער חשוד אף קאמוניזם אדער אנגעהעריקייט צו רויטער הילף, קורץ, איז ווער עס פון די ארבעטער — נכשל געווארן מיט אן אייגענער פרייער מיינונג, זאגט ווער ס'איז צו זאגן דעם אמת איבער דעם אימפעריאליזם, ציוניזם — דאן איז אך און וועה ניט נאר דעם ארבעטער, נאר אויך צו זיין קינד. דער פאטער ווערט



ארעסטירט, די מוטער פארשיקט אין טורמע — און דאס קליינע קינד איז געצוואונגען צו טיילן די טרוקענע „פיטע", די פייכטע „ראגאזשע" מיט דער מאמען אין דער טורמע. ס'העלפט ניט קיין קרוב, קיין גואל — דער קלוגער פסק־דין פון אונזערע מאדערנע שלמה־המלכים ווייסט ניט פון קיינע חכמות, ער פסקנט אז דאס קינד מוז זיצן אין טורמע, מוז פארטריבן ווערן פון לאנד.

אזוי האט דאס צווייאריקע מיידעלע לענע וועננער, דער אכט־יעריקער שלמה ראגינסקי געמוזט זיצן אין טורמע לויט דעם אדמיניסטראציון באפעל פון דעם נציב העליון.

און די געזעלשאפטליכקייט, די פרעסע, אונזערע דעמאקראטן, סאציאליסטן? ווו זענען זיי? שטיל, שווייגנדיק נעהמט מען פארביי אט די שענדליכע מעשים. קיינער פון זיי טוט קיין פיפס ניט, קיינער פון זיי טראכט אפילו ניט וועגן פראטעסטן, וועגן פארטיידיקן די אומשולדיקע קינדער־קרבנות פון דער סאדיסטישער קלאסן־נקמה!

מיר נעמען זיך דאס מיט צו באהויפטן אז אין ערגיץ ניט, אין קיין פארווארפענעם ווינקעלע פון ערד־קוגל קומט ניט פאר אזעלכע שענדליכע ברוטאליטעטן בנוגע די קינדער ווי דא. זאלן זיך ניט טרייסטן די פארשידענע אידעאליסטן, ראמאנטיקער, וועלט פארזאגער, „מענטשן־אויסבעסערער", די אזוי פילפארביקע גרופן, פארטייען, קבוצים ווי השומר־הצעיר, פועלי־ציון, גדוד, אה״א.או. קורץ, פון די רויטע פראלעטארישע „עולי פולין" (לויט דער געלונגענער כאראקטעריסטיק פון בן־גוריונ'ען) ביז דעם „רעוואלוציאנער" בן־גוריון אליין, אז „אונזערע הענט זענען ריין, אונזערע הענט האבן דאס קינדער־בלוט ניט פארגאסן"!

ווי א מאסער פלעק שטעמפלט איך אלעמען דאס קינדער־שמייסן, די קינדער ארעסטן, די קינדער־גירושים: דאס איז דער קען־צייכן פון דער אימפעריאליסטישער פאליטיק אין לאנד, וועלכער שטעמפלט יעדן איינעם וואס שטיצט דירעקט אדער אומדירעקט דער דאזיקער פאליטיק.

■

# אגרארע קאנפליקטן

די יידישע כראניק איז פאר דער לעצטער צייט רייך מיט נאטיצן מכח אגרארע משפטים וואס קומען פאר אין אלע ווינקעלאך פון לאנד.

דאס איז געוויס ניט קיין צופאל. פאלעסטינע איז באקאנט אלס אן אגראר־לאנד. די גרעסטע טייל פון דער באפעלקערונג (העכער אלס 85%) פארנעמט זיך מיט לאנדווירטשאפט. לאנדווירטשאפט איז עד היום דער גרעסטער מקור פון די רעגירונגס־הכנסות, לאנדווירטשאפט־פראדוקטן זענען די וויכטיקסטע, באדייטענדסטע עלעמענטן פון עקספארט פון לאנד.

די ענגלישע אקופאציע האט אבער געבראכט צו א גאנצער רעוואלוציע אין די

אינערליכע פארהעלטנישן פון דעם אראבישן דארף. די פרי־דיקע נאטור־ווירטשאפט איז כמעט ווי פארשוואונדן, מיט איר צוזאמען גייען אונטער די אלטע פאטריארכאלע אידיליע באציונגען אין דארף. די ענגלישע פאליטיק, די ציוניסטישע ספעקוליאציע האט ארויסגערופן א ווילדע בהלה מיט באדן־איינקויף. באדן איז געווארן א סחורה, יעדער קויפט, יעדער האנדלט מיט דעם.

וועלכער חשיבי'ער ציוניסט האט ניט קיין „מזרח" געקייפט און וועלכער „לייטישער" עפענדי וויל ניט פארקויפן א שטיקל באדן. אבער כמעט ווי דער גאנצער קולטור־פעאיקער באדן איז באזעצט דורך פעלאכן און האלבע בעדואינער. ווו נעמט מען באדן צו פארקויפן?

ס'איז טאקע א שווערע פראבלעם, נאר ציוויליזירטע ענגלענדער, קאפיטאליסטישע קולטור־טרעגער געפונען אנ'אויסוועג. מ'גיט ארויס נייע געזעצן לויט וועלכע מ'שאפט (פאקטיש) אפ די „מושא"־באדן (געמיינזאמע ווירטשאפט) אין די אראבישע דערפער. יעדער פעלאך קען זיך אויסטיילן פון זיין דארף־געמיינדע און טון וואס ער וויל מיט זיין חלק קרקע, אפילו פארקויפן. די רעגירונג פירט איין א קאדאסטר — ד.ה. מ'פארשרייבט דעם באדן אף די נעמען פון זיינע איינגענטימער.

די איסלאמישע געזעצן בכלל, די טערקישע בפרט האבן אבער ביז יעצט כמעט ווי ניט געוווסט פון פרייוואט איינגענטום אויף באדן. דער גרעסטער טייל פון דער ערד איז געווען אדער רעגירונגס באדן, אדער געמיינדע באדן. פריוואט־איינגענטום (מילק) איז גאר א קליינער פראצענט. די פעלאכן האבן זיך ווייניק וואס געקומערט איבער די יורידישע פראגן — ווער געהערט דער באדן וואס זיי באארבעטן. דער פעלאך האט געוווסט אז ער דארף צאלן זיין „חומשע", זיין ארענדע — זיין שטייער — דעם עפענדי. צו איז דער עפענדי איינגענטומער, אדער שליח פון דער „כאקומע" (רעגירונג) דאס האט אים ניט אינטערעסירט.

היינט איז אנדערש. די „עפענדים" מיט באקשיש, מיט דער דירעקטער שטיצע פון דער ענגלישער רעגירונג, וואס האט מיט א כיון געוואלט אזוי ארום אפקויפן די עפענדים, האבן די לעצטע באקומען קושאנען (שיינען אז דער באדן געהערט זיי) און זענען צונעטראטן אראפצוטרייבן די פעלאכן, די האלב־בעדואינער פון זייערע ווירטשאפטן

דער פעלאך, באלאסטעט מיט חובות, פראצענטן, שטייערן ניט זייענדיק ביכלת צו קאנקורירן מיט דעם אויסלענדישן אימפארט. ניט האבענדיק קיין געלד אף צו קויפן אינווענטאר, ניט קענענדיק אויסהאלטן אף דער חיונה פון זיין משפחה א דאנק דעם יקרות איז געצוווּנגען צו פארקויפן זיין שטיקל נחלה [ווען ער האט עס] און צו ווערן א פשוטער באטראק. דער עפענדי לאזט אים לכתחילא אלס ארענדאטאר — און שפעטער טרייבט אים ארויס אינגאנצן פון דארף. דער פעלאך כאפט זיך צום סוף אז ער איז באדן־לאז, ווירטשאפט־לאז. א בעל־חוב איבערן קאפ, און צו אלעמען נאך טרייבט מען אים ארויס פון זיין דארף. פון פארצווייפלונג ווערט ער זיך אין דער לעצטער מינוט. אבער ס'איז צו שפעט. פאליציי, שוטרים, און אימפעריאליסטישע יוסטיץ — זענען אף



דער זייט פון זיין שונא.

וואדי כאווארע, אינפיאט — חדרה, „ערערה — קרה" — דאס זענען איינצעלנע רינגעלעך פון דער גרויסער קייט וואס הייסט — רויב, גזלה אויף א „יור־דיש־גערעכטיקן" אופן!

מען רויבט דעם ארעמען פעלאך, האלבן־בעדואין, מ'טרייבט אים ארויס פון זיין נחלה, — און אלס פרעמיע באקומט ער קלעפ, טיורמע, מוז ער נאך צאלן שטראף!

די „ערערה" קולאקעס [אראבער] האבן פארטריבן די ארעמע פעלאכן פון „קרה" — פון 5000 דונאם באדן וואס זיי האבן אבגעקויפט בא דעם עפענדי. די חדרה'ער אבים טרייבן ארויס זייערע „ארענדאטארן" פון שבט אינפיאט. און כאווארע מאניפולירט געשיקט באנקן מיט באקשיש און דראהונגען, קענען די ארעמע איינוואוינער, און ס'זה ווערן די פעלאכן פון „קרה" געקנס'ט מיט געלד־שטראף און טיורמע. די „אינפיאט" ארענדאטארן ווערן ארעסטירט, מ'צווינגט זיי געבן „ערבות" [ווי זאלן זיי נעמען, ווידער א געשעפט פאר דעם ווזבערניק!]

גזלה, רויב, ווילקיר! לית דין ולית דין — אפילו צום משפט קען דער ארעמער פעלאך ניט ברענגען זיין אנקלאגע. די חדרה'ער פעלאכן זענען געמשפט געווארן דורך דעם מושל פון חיפה — אדמיניסטראטיוו, זייער אדוואקאט איז פארבאטן געווארן אפילו צו אפעלירן...

דער פעלאך איז שוץ־לאז, הילף־לאז. ס'איז קלאר, אז ער איז ניט בכח צו משפטן זיך מיט די רייכע ציוניסטישע קאלאניזאטארן, מיט די עפענדים, מיט די אראבישע קולאקעס.

פאר דער פאלעסטינער הויטער־הילף שטייט אזוי ארום א נייע, דרינגענדע אויפגאבע, צו פארטיידיקן דעם געטריבענעם פעלאך, דעם באגזלטן בעדואין. דאס איז א שווערע אויפגאבע אבער די פילע פראצעסן, דער גרויזאמער געוואלד, דער שווינדל וואקסט מיט יעדן טאג. און דער שוצלאזער פויער פאדערט ארגאניזירטע הילף.

■

---

# אייערע חברים זענען געשלאגן געווארן ביז חלשות און יפו'ער טיורמע — פראטעסטירט!

# טיורמע רעזשים

ווידער רייסן ווי געשרייען די ווענט פון די פאלעסטינער טיורמעס. די „געזעל־שאפטלעכקייט" האט א ציטער געטאן אין די טעג פון הונגער־שטרייק און מלקות אין ירושלימער טורמע (יוני 1928) און איז ווידער אנטשוויגן געווארן. אבער, אין די טיורמעס ווערט פארטגעזעצט דער בארבאריזם לגבי די פאליטישע ארעסטירטע און אנאנטערבראכן, עקשנותדיק זעצן פאר די לעצטע זייער העראישן פיינפולן קאמף קעגן דעם בארבארישן טיורמע רעזשים.

אין יפו'ער טיורמע איז איינגעפירט געווארן א נייע נידערטרעכטיקע אין פראוואקאטארישע סיסטעם די טיורמע־אדמיניסטראציע רייצן אן די קרימינעלע ארעסטאנטן אויף די פאליטישע, אראבער אויף אידן. מיט א האלב יאר צוריק אונגעפער, איז דער מיסטער, ריקס; דער פאליציי אינספעקטאר אין יפו, געשטאנען באם פייגסטער פון זיין משרד אין געקוואלן פון דעם ווי קרימינעלע ארעסטאנטן האבן געשלאגן דעם פאליט. ארעסטאנט באסקין לויט דער אנווייזונג פון איינעם פון די טיורמע קאפראלן. דינסטאג דעם 15טן יאנואר האט זיך ווידער איבערגעחזרט די שענדליכע געשיכטע. דאס מאל האט שוין א גאנצע באנדע באוואפנטע פאליסן מיט דער הילף פון קרימינעלע פארברעכער צוזאמען געשלאגן א גרופע פון 8 פאליטישע ארעסטירטע געשלאגן ביז בלוט, ביז פאלן אין חלשות געשמידט זיי אין קייטן, געווארפן אין קארצער בלויז פאר דעם וואס זיי האבן געפאדערט, אז מען זאל זיי צולאזן צו דעם טיורמע קאמענדאנט.

די סיסטעם פון אנרייצן קרימינעלע פארברעכער אויף פאליטישע ארעסטירטע איז נים ניי. זי האט זיך פראקטיקירט אין די צארישע טיורמעס אין רוסלאנד, אבער א באזונדער שענדליכן כאראקטער טראגט זי בא די ציוויליזירטע ענגלענדער, וועלכע פארפאלקאמען זי מיט ראפינירטקייט. די סיסטעם פון צוטייל אין געוואלדיק, וועלכער איז דער יסוד פון דער ענגלישער הערשאפט אין לאנד, ווערט איינגעפירט אויך אין די טיורמעס. די נעסטן פון פיין אין באַרבאריזם ווערן שולן ווו די ציוויליזירטע ענגלענדער ערציען באנדיטן, כוליגאנעס און פאגראמשטשיקעס!

אין דער זעלבער יפו'ער טיורמע זיצט פארשפארט א מוטער מיט א קינד פון צוויי יאר (נחמה ווייגנער). ביידע זענען פארמשפט געווארן אדמיניסטראטיוו ארויסגעשיקט ווערן אלס געפערליכע (קאמוניסטן) עלעמענטן! זיי זיצן שוין מער פון צוויי חדשים אין דער פינסטערע, קאלטער פרויען אפטיילונג פון יפו'ער טיורמע. דאס קינד האט זיך פארקילט און איז ערנסט קראנק געווארן, די מוטער האט אנגעהויבן שפייען מיט בלוט. שוין עטליכע מאל אז מען ווענדט זיך צו דער פאליציי און יפו'ער מושל, זיי זאלן באפרייען די מוטער אויף ערבות. נאך מער, ווייגנער האט געמאלדן, אז זי האט א וויזע אין פארט אליין אוועק פון לאנד. און טראץ דעם וואס ס'איז ניטא קיין שום יסוד



בכדי צו פייניקן די מוטער מיט איר קינד אין טיורמע, טראץ דער ערקלערונג פון דעם מיניסטער עמערי אין ענגלישן פארלאמענט אז די וועלכע דארפן ארויסגעשיקט ווערן פון לאנד ווערן ניט געהאלטן לאנג אין טיורמע, זאגט זיך אפ די רעגירונג באפרייען נחמה ווייגנער אפילו אויף ערבות. די בארבארישע סיסטעם איז שוין אזא, אז מען דארף די פארפאלגטע ארבעטער פייניקן אין טיורמע.

נאך שרעקליכער איז די לאגע אין עכו'ער פעסטונג. ניט לאנג זענען וועגן דעם פארעפנטלעך געווארן אין דער אראבישער פרעסע שוידערליכע פרטים פון וועלכע די האר שטעלן זיך קאפויר. פעלאכן, וועלכע זענען דארט געזעסן דערציילן ווי מען פארבינדט דארט אן ארעסטאנט מיט א הונט אין איין זאק און א פאליס קלאפט מיט א שטעקן איבער דעם זאק, „און מער איידער דער מענטש ליידט פונם שטעקן ליידט ער פונם ווילדווערנדן הונט וועלכער בייסט אים". אדער ווי מען „בראט ארעסטאנטן אויף א ליכטן פייער" א.א.וו.

מיט א צייט צוריק האט זיך דארט אפגעשפילט א שרעקליכער שפיל מיט די פאליס. ארעסטאנטן נאלדרייך, סאנדלער און באל. זיי האבן פראטעסטירט קעגן דעם וואס מען טוט זיי אן ארעסטאנטן קליידער ווי גנבים און מערדער. דערפאר האט מען זיי אריינגעווארפן נאקעטע אין א נאסן, פינסטערן אונטערערדישן קארצער ווו זיי זענען אפגעלעגן 18 טעג אויף ברויט מיט וואסער. דער חבר נאלדרייך איז נאך יעצט ערנסט קראנק און ליגט דארט אין טיורמע שפיטאל. א קראנקן האט מען אים צוגעשמידט צום בעט. ער האט פראטעסטירט קעגן דעם און דערפאר האט מען אים ווידער א מאל געווארפן אין קארצער אויף דער הוילער פאדלאגע ווו ער איז אפגעלעגן דריי מעת־לעת מיט א הויכער טעמפעראטור. ניט לאנג האבן מיר געלעזן אין די צייטונגען זיין רוף נאך הילף, „א רוף פון א פאליט. ארעסטאנט, וועלכער גייט אוים און עכו'ער פעסטונג".

ווען מיר שרייבן די שורות הערשט א עפידעמיע אין עכו'ער פעסטונג. 150 ארעסטאנטן זענען קראנק געווארן. א דאנק דעם אנטי־היגיענישן צושטאנד דארט צווישן זיי אויך די פאליטישע ארעסטירטע פאבריקאנט און הוילער, וועלכע זענען שוין אפגעזעסן זייער שטראף און זיצן יעצט ביז זייער גירוש.

אזוי זעט אוים די לאגע אין די טיורמעס יעצט, 8 מאנאטן נאך דעם הונגער־שטרייק אין ירושלימער טיורמע.

* * *

די פאלעסטינער רעגירונג האט נענצליך איגנאריט די פראטעסטן פון דער געזעלשאפטליכקייט, זי איז אויף א האר נים אפגעטראטן פון איר בארבארישער סיסטעם. די טיורמע אדמיניסטראציע האט נאך פעסטער איינגעדריקט דעם „קורבאטש" אין אירע הענט און שמייסט מיט דער הסכמה פון דעם נציב, פונם מיניסטער עמערי און ישטילשווייגנדער הסכמה פון דעם גאנצן ענגלישן פארלאמענט.

דער „אטבאשי" איבראהים, דער וועלכער האט ווילד געשלאגן די פאליטישע ארעסטירטע אין ירושלימער טיורמע (ענדע מאי 1928) האט באקומען א בעסערן פאסטן

אין דער „מיט־ערי״ פרו, דער ציוויליזירטער סאדיסט, וועלכער האט געשמיסן די פאליט־א־עסטירטע אין די טעג פונם הונגער־שטרייק האט אויך באקומען א גאנראדע פאר זיין העלדישן מאט. „אמבאשי איבראהים, מיסטער פרו, פאליצי־אינספעקטאר דאף א.א.וו. ווייסן גוט, אז פאר שלאגן, שמייסן באלוינט די פאלעסטינער מאנדאטארישע רעגירונג.

אין די געזעלשאפטליכקייט ? — זי האט קאפיטולירט.

די בירגערליך־ציוניסטישע טייל, די „דעמאקראטישע״ ציישונג „הארץ״ און דער „דאר־היום״ שטיין געגצליך אויף דער זייט פון זייערע הערן־בארבארן. דער האט צו ארבעטער רעוואלוציאנערן און טירא פאר דעם ענגלישן פקיד האט בא די הערן גובר געווען אויף זייער ווילן אפהיטן דעם שיין פון „דעמאקראטישקייט״ פארן ציוניזם. די ציוניסטן־דעמאקראטן, קאמוניסטן־פרעסער האבן אנטפלעקט זייערע ציין און אויפגעדעקט זייער ריכטיקן ארבעטער־פיינדליכן, רעאקציאנער פרצוף.

דער ארבעטער קלאס איז געבליבן אליין אין דעם קאמף קעגן די אכזריות׳דיקע טירמע באדינגונגען. דאס איז א שווערער קאמף. אבער די ארבעטערשאפט טאר זיך פון אים ניט אפזאגן. דער ארבעטער קלאס איז דער אוואנגארד פון דער אונטערדריקטער באפעלקערונג און ער מוז אויף זיך נעמען די אויפגאבע אויסצוראטן די שווידער־האפטן און בארבארישקייטן וועלכע קומען פאר אין די טירמעס פון לאנד. וואס ערליך איז אין דער געזעלשאפט וועט אים זיכער שטיצן אין דעם קאמף.

פאר וואס זשע שווייגט די „הסתדרות״ ? פאר וואס טוט זי גארניט ? ניט רעאגירן, פאר־שווייגן די „תעלולי רשע״ (ווי דער „דבר״ רופט עס אן) הייסט פאראטן דעם קאמף פון דעם ארבעטער קלאס קעגן דעם טירמע רעזשים. הייסט איבערלאזן די באשלוסן פון דער לעצטער „מועצת ההסתדרות״ און פון דער דריטער „וועידה״. דאס הייסט פאראטן די פאליטישע ארעסטירטע, וועלכע פירן א שווערן קאמף אין די טירמעס מיט דעם פולן באוווסטזיין, אז זיי קעמפן ניט פאר פריווילעגיעס פאר זיך, נאר פאר דער זאך פון דער גאנצער ארבעטערשאפט און אונטערדריקטער באפעלקערונג אין לאנד.

ארבעטער, שטיצט זיי אין דעם שווערן קאמף. קעמפט קעגן דעם בארבארישן טירמע רעזשים.

## זאלן די פאקטן עדות זאגן...

מיר פארעפנטליכן א אינטערעסאנטן טאג־בוך, וועלכער ווארפט א ליכט אויף דעם וואס מ׳טוט זיך אין פאלעסטינע אונטער די פליגלען פון דער ציוויליזירטער, „דעמאקראטישער״ ענגלאנד.

מיר זענען מחויב תחלת צו דערקלערן, אז ס׳איז ניט אונזער שולד, וואס אין ליכט פון די פאקטן, וועלכע זענען פארצייכנט אין דעם טאג־בוך, ווייזט זיך ארויס אז דער פזמון, וועלכן מ׳זינגען פארשידענע פארטייען, ווי צום ביישפיל: „אחדות־עבודה״, —



וועגן דעם, אז פאלעסטינע איז ניט נאר א פרייע דעמאקראטישע לאנד, נאר אז דאס איז א לאנד ווו ס׳בויט זיך, כמעט, א סאציאליסטישע געזעלשאפט — איז פאלש. אויך איז ניט אונזער שולד ווען דער ענגלישער מיניסטער פון קאלאניעס, דער הער עמערי, ווייזט זיך ארויס פאר א פשוטן ליגנער אין די אויגן פון די, וועלכע וועלן לעזן די איינ־פאכע פאקטן און וועלן זיך דערבײַ דערמאנען וועגן דעם, אז דער חשוב׳ער מיניסטער האט אויף דער טריבונע פון דעם ענגלישן פארלאמענט געלייקנט דעם פאקט וואס אין פאלעסטינע ווערן שטארק פארפאלגט קאמוניסטן. ווייל וואס זאל הייסן דאס וואס אין „חופה״ שטעלט מען אפ ארבעטער אין די גאסן און מען באזוכט זיי ? — ווי דער טאג־בוך דערציילט פון טאג צו טאג — איז דען דאס ניט פשוט א יאגד אויף ארבעטער ? און אודאי און אודאי זענען מיר ניט שולדיק אין דעם וואס דער נייער נציב, דער סער טשענסלאר, שטעלט זיך אליין ארויס ווי א יעזואיט, ווען ער דערקלערט פייערליך (בשעת זיין „קבלת פנים״ אין תל־אביב׳ער עיריה), אז „ער האט ניט בדעה אריינטרעטן אין וויכוחים מיט די פארשידענע סאציאלע וועלטאנשויאונגען״ און נאך מער ווען ער גיט צו, אז ער וועט ניט דערלויבן „שטערן דעם לעבן פון די וועלכע האבן אנדערע וועלט־אנשויאונגען״. אין דער צייט ווען פאקטן, וועלכע איינציקע — אנהויבנדיק פונם נציב אליין און ענדיקנדיק מיט דעם רעדאקטאר פון „דבר״ — וואלטן גערן געוואלט פארשווייגן אבער וועלכע קיינער, קיינער קען נישט אפלייקענען, דערציילן וועגן דעם, אז הונדערטער ארבעטער ווערן ארעסטירט, געשמיסן און געפייניקט אין די טירמעס בלויז דערפאר, וואס זיי האבן אנדערע וועלטאנשויאונגען פון דעם נציב (אויב ער האט אזעלכע) און ער אליין, דער סער טשענסלאר איז קוים אפגעוועזן א מאנאט אין לאנד און ער האט שוין באוויזן אונטערשרייבן צוויי שענדליכסטע באפעלן וועגן ארויסשיקן פון לאנד באגינע ראגינסקע און די ארבעטערין נחמה וועגנער מיט איר צוויי־יעריקע קינד. ס׳איז שווער פארצושטעלן זיך, אז דער נייער נציב איז פשוט א מאנעקען, וועלכער שרייבט אונטער ניט וויסנדיק וואס, ער האט זיכער געוווסט אז די, וועלכע ער באפוילט ארויסשיקן, זענען קיין פארברעכן ניט באגאנגען און ער שיקט זיי ארויס איינציק דערפאר וואס זיי זענען קאמוניסטיש געזאנען. נאך מער נחמה וועגנער איז קראנק געווארן אין טירמע זי שפייט מיט בלוט. איר צוויי־יעריקע קינד איז אויך שטארק קראנק געווארן אין טירמע און מיט גרויס מי איז געלונגען באפרייען דאס קינד (!) אויף עזבות פון דעם געפענגעניס. הייסט דאס דען ניט „שטערן דאס לעבן פון די וועלכע האבן אנדערע וועלטאנשויונגען״ ? ווי יעזואיטיש איז אונזער נייער נציב ווען ער מאכט זיך „כלא־ידע״.

דער מחבר פון דעם טאג־בוך, א פשוט׳ער ארבעטער האט ניט געהאט בדעה קאמפראמעטירן די אויבנדערמאנטע הויך־געשטעלטע פערזאנען; זייער פערזאן אינטערעסירט אים ווייניק וואס, זיין כוונה איז אויפצודעקן די סיסטעם, דעם רעזשים, וועלכער ווערט דורכגעפירט דורך די ענגלישע אדמיניסטראציע אין פאלעסטינע, ניט אויפן סמך פון דערקלערונגען און רעדעס, נאר דורך אן איינפאכע רעגיסטראציע פון טאג־טעגליכע פאקטן פון אונזער לעבן. ער האט פעסטגעשטעלט אז אין לאנד הערשט טערא־

הפקריות און אכזריות לגבי קאמוניסטן, רעוואליוציאנער געשטימטע ארבעטער, סתם ארבעטער און פעלאכן.

וועגן דעם זאלן פאקטן עדות זאגן...

## טאג בוך.

### סעפטעמבער:

1-טער. — דער פארשפעטער פאר אנגעהערן צו פ.ק.פ. — יוסף באסקין איז ארויסגעשיקט געווארן פון לאנד.

— אין חיפה איז אַרעסטירט געווארן דוד נאלדריך. ער ווערט באשולדיקט אין אנגעהערן צו פ.ק.פ.

2-טער. — אין תל־אביב איז אַרעסטירט געווארן דער יונגענטליכער מאיר לוק־סעמבורג. ער ווערט באשולדיקט אין אנגעהערן צום קאמוניסטישן יוגנט פארבאנד.

— אין פתח־תקוה איז פארגעקומען א רעוויזיע בא די ארבעטער: 1. ראמלער 2. זהבי, 3. לאנגער, 4. אלישע, 5. שמעוגוביטש.

3-טער. — אַרעסטירט אין תל־אביב די יונגענטליכע רחל קרעגער. זי ווערט באשולדיקט אין אנגעהערן צו פ.ק.פ.

— אין פתח־תקוה אַרעסטירט ניסן עדעס. ער ווערט באשולדיקט אין אנגעהערן צו דער „ארבעטער־פראקציע".

6-טער. — אין תל־אביב איז ארעסטירט געווארן העגאך קאלקע, א בעל־משפחה פון א פרוי מיט א קליין קינד. די פאליציי וויל אים ארויסשיקן פון לאנד אדמיניסטראטיוו.

— אין תל־אביב פארגעקומען א רעוויזיע בא דעם ארבעטער ס. וויינטרויב.

7-טער. — אין תל־אביב איז פארגעקומען א רעוויזיע בא שפרה קעמפעל און חוה וועגנער. די פאליציי האט בא זיי קאנפיסקירט איין עקזעמפלאר פון דעם אמעריקאנער זשורנאל „האמער".

[illegible]-טער. — אין חיפה האט די פאליציי אפגעשטעלט און נאם דעם ארבעטער אסט־ראמבאלסקי און באזוכט אים.

אין חיפה ארעסטירט און נאם דעם ארבעטער פראנקא. פאטאגראפירט און דאקטאלאגראפירט אים.

13-טער. — ארעסטירט די ארבעטער קארענבערג און סוכעל און בניטינה, זיי ווערן באשולדיקט אין אנגעהערן צו פ.ק.פ.

18-טער. — פארגעקומען דער משפט פון ס. קופערמאן און י. חפשי פאר אנגעהערן צו פ.ק.פ. דער ערשטער איז פארמשפט געווארן אויף 8 חדשים טורמע און גירוש צוזאמען מיט זיין פרוי און צוויי קינדער, איינע 2 1/2 יאר אלט'



דער צווייטער 6 מאנאטן. די קינדער געבליבן אין פאלעסטינע זייער פאטער איז שוין 8 יאר אין לאנד. י. חפשי איז פארמשפט געווארן צו 4 מאנאטן טורמע.

19-טער. — א רעוויזיע בא יוסף און סאניע ווייטער און בא סאניע ראגינסקע, אין תל־אביב.

20-טער. — אין תל־אביב פארגעקומען דער משפט פון נ. עדעס פאר אנגעהערן צו דער א.פ. פארמשפט געווארן צו 100 טעג טורמע און ארויסטרייבן פון לאנד.

— פארגעקומען א רעוויזיע בא ס. און ב. ניכעווסקי אין תל־אביב.

— אין רמת־גן פארגעקומען א רעוויזיע בא י. וואלקאוויצקי.

22-טער. — אין תל־אביב ארעסטירט י. האכמאן. ער ווערט באשולדיקט אין אנגעהערן צו רויטע־הילף.

25-טער. — ארעסטירט מ. בהירי און תל־אביב. ער ווערט באשולדיקט אין אנגע־הערן צו דער רויטע־הילף.

— אין תל־אביב ארעסטירט מרים גאלאה, 19 יאר אלט. זי ווערט באשול־דיקט אין אנגעהערן צום קאמוניסטישן יוגנט פארבאנד.

29-טער. — אין תל־אביב ארעסטירט מאגינסקי. ער ווערט באשולדיקט אין אנגעהערן צו דעם „גוש שמאלי".

— ארעסטירט דעם ארבעטער מ. וווינט. ער ווערט באשולדיקט אין אנ־געהערן צו דער „ארבעטער־פראקציע".

— אין חיפה איז פארהאלטן געווארן און נאם שקינאזי

30-טער. — אין חיפה פארגעקומען א רעוויזיע אין דער ביבליאטעק „האור".

— 4 אויינער פארטאג זענען צוויי געהיים פאליסן און איין פאליס אריינגעשפרונ־גען דורך די פענסטער אין דער וווינונג פון די ארבעטערנס: ב. סערבוים, ר. ליעבליך, און ג. העריליך און געמאכט א רעוויזיע.

— אין חיפה האט די פאליציי אפגעשטעלט און גאם דעם ארבעטער שיינער און געמאכט בא אים א רעוויזיע.

אין דעם חדש סעפטעמבער זענען פארגעקומען 12 ארעסטן, 11 רעוויזיעס און 2 משפטים, 1 גירוש.

### אקטאבער:

1-טער. — אין חיפה איז אפגעשטעלט געווארן און נאם דער ארבעטער פרענקעל און אונטערזוכט געווארן.

2-טער. — אין תל־אביב איז ארעסטירט געווארן סאניע ראגינסקע און איר 8 יאריקער קינד שלמה. לויט דעם אדמיניסטראטיוו באפעל ווערן זיי ארויס־געשיקט פון לאנד.

אין חיפה איז פארגעקומען א רעוויזיע בא דער ארבעטערין שטשיקין.

5־טער. — פאשיסטן פון ברית־טרומפלדור צוזאמען מיט איבערגעטאגענע פאליסן זענען אנגעפאלן אויף א ארבעטער קלוב (פועל־צ) און האבן פארוואונדעט 13 ארבעטער.

6־טער. — ארעסטירט געווארן אין תל־אביב חנה פאלמאן 17 יאר אלט און מ. גאלאד 19 יאר אלט, פאר אנטיילנעמען אין דער אנטי־פאשיסטישער דעמאנסטראציע.

7־טער. — ארעסטירט געווארן אין תל־אביב דער ארבעטער מ. בהירי. ער ווערט באשולדיקט אין אנטיילנעמען אין דער אנטי־פאשיסטישער דעמאנסטראציע.

אין נס־ציונה פארגעקומען 20 רעוויזיעס בא ארבעטער. ס׳זענען ארעסטירט געווארן: 1. סוכאמעד איסא, 2. חאסאן, 3. שווארצמאן, 4. איצקאבסקי, 5. גוטמאן, 6. בן־יעקב, 7. זאנגענבערג. ס׳זענען רעקווירירט געווארן 350 ביכער.

אין חיפה זענען פארגעקומען רעוויזיעס בא די ארבעטער: אבני, שוכ־טער און לעדערמאן.

ס׳זענען פארגעקומען רעוויזיעס בא יונה הערליך און בן־צבי אין נס־ציונה.

8־טער — אין תל־אביב איז פארגעקומען דער משפט פון רחל קרענער.

די ארבעטער לעווין און שניידער זענען אפגעשטעלט געווארן און נאך אונטערזוכט געווארן אין חיפה.

9־טער. — אין חיפה איז ארעסטירט געווארן יעקב טייכמאן. ער ווערט באשול־דיקט אין אנגעהערן צו פ.ק.פ.

10־טער. — אין תל־אביב זענען פארגעקומען 2 משפטים פון מ. גאלאד און מ. לוקסעמבורג.ביידע פאר אנגעהערן צו דעם קאם. יוגנט פארבאנד.

ס׳איז ארעסטירט געווארן פנחס זייטמאן אין תל־אביב. ער ווערט באשולדיקט אין אנטיילנעמען אין דער אנטי־פאשיסטישער דעמאנסטראציע.

אין עפולה זענען ארעסטירט געווארן א. פאבריקאנט און אייזלער פאר אנגעהערן צו פ.ק.פ. בא דעם ארבעטער מ.ג. איז פארגעקומען א רעוויזיע.

11־טער. — ארעסטירט לאה דעצענט אין תל־אביב. זי ווערט באשולדיקט אין אנגעהערן צו דער א.פ.

13־טער. — חיים שלעזינגער, וועלכער איז פארמשפט געווארן פאר אנגעהערן צו פ.ק.פ. איז ארויסגעשיקט געווארן פון לאנד.

אין תל־אביב איז פארגעקומען א רעוויזיע בא שולמית ראטענבערג.

15־טער. — דוד גולדדויך איז פארמשפט געווערן צו 90 טאג טורמע און ארויס־שיקן פון לאנד פאר אנגעהערן צו פ.ק.פ.

אין ירושלים איז ארעסטירט געווארן יזכק שוואלבוים. ער ווערט באשולדיקט אין אנגעהערן צו דער „ארבעטער־פראקציע“.



16־טער. — אין תל־אביב ארעסטירט געווארן דער ארבעטער אברהם רוט. ווייל ער האט זיך ניט געלאזט ארעסטירן אן א ארדער.

אין חיפה ארעסטירט געווארן דער ארבעטער שילטאנא שיקנאזי. ער ווערט באשולדיקט אין אנגעהערן צום קאם. יוגנט פארבאנד.

18־טער. — די ארעסטירטע: סאניע דאנינסקע, חנה פולמאן און גאלאד זענען פארמשפט געווארן צו 5 טאג קארצער פאר דעם וואס זיי האבן געפאדערט א בעסערע באציונג אין טורמע.

אין חיפה איז פארגעקומען א רעוויזיע בא דעם ארבעטער זק.

22־טער. — אין תל־אביב איז פארגעקומען א רעוויזיע בא צ. לייבאוויטש.

23־טער. — אין תל־אביב זענען ארעסטירט געווארן: 1. בר־נש, 2. שוסטער, 3. באיעווסקע, 4. ערליך, 5. ליפסמאן, 6. ראפאפארט, 7. קרייצמאן, 8. לאנגמאן, 9. ראבינאוויץ, 10. סאנגא־פאלא און 11. ח. בר־נש. זיי ווערן באשולדיקט אין אנגעהערן צו דער רויטע־הילף.

25־טער. — אין יפו פארגעקומען א רעוויזיע בא ס. און ג. לעקער.

26־טער. — מאיר מיאסקאוועצקי, וועלכער איז פארמשפט געווארן פאר אנגעהערן צו דער „ארבעטער־פראקציע“ איז ארויסגעשיקט געווארן פון לאנד.

29־טער. — ס׳איז פארגעקומען א רעוויזיע בא דעם ארבעטער ש. פנחסי, תל־אביב.

ס׳זענען אין דעם מאנאט אקטאבער פארגעקומען: 81 ארעסטן, 36 רעוויזיעס, 5 משפטים, 2 גירושים, 18 ארבייטער זענען פארוואונדעט געווארן אין א פא־שיסטישן איבערפאל. 850 ביכער זענען קאנפיסקירט געווארן.

נאוועמבער:

2־טער. — אין יפו זענען פארגעקומען רעוויזיעס בא דריי אראבישע ארבעטער.

3־טער. — דער ארבעטער מוכאמעד ראדוואן איז ארעסטירט געווארן אין יפו פאר אנטיילנעמען אין א קאמוניסטישער דעמאנסטראציע.

5־טער. — כץ און כאצענעלסאן זענען געמשפט געווארן פאר איינארדנען א פארטראג אין רחובות אן א ערלויבעניש.

6־טער. — אין ירושלים זענען פארגעקומען א גאנצע רייע רעוויזיעס בא ארבעטער אין די רעסטאראנען און אין גאס.

7־טער. — דער ארבעטער מוכאמעד ראדוואן איז פארמשפט געווארן

8־טער. — א רעוויזיע אין קלוב פון פועל־צ אין תל־אביב.

9־טער. — אין ירושלים איז ארעסטירט געווארן אברהם גאלדווירט. ער ווערט ארויסגעשיקט פון לאנד אדמיניסטראטיוו.

17־טער. — נחמה אייזנבערג און איר קינד, 2 יאר אלט, זענען ארעסטירט געווארן אין יפו. זיי ווערן ארויסגעשיקט פון לאנד אדמיניסטראטיוו.

20-טער. — א. בעק ארעסטירט אין ירושלים פאר פארשפרייטן אויפרופן פון „גוש שמאלי"
25-טער. — א משפט פון יעקב טייכמאן איז פארגעקומען אין תל-אביב.
30-טער. — אין חיפה איז פארמשפט געווארן איזלער צו 90 טעג טורמע און ארויסשיקן פון לאנד פאר אנגעהערן צו דער א.פ.

מרדכי ליבערמאן איז ארעסטירט געווארן אין הרצליה. ער ווערט ארויסגעשיקט פון לאנד אדמיניסטראטיוו.

ס'זענען אין מאנאט נאוועמבער 6 ארבעטער ארעסטירט געווארן, בא 16 זענען פארגעקומען רעוויזיעס און 4 זענען פארמשפט געווארן.

**דעצעמבער:**

4-טער. — מ. בהירי, ח. פולמאן, זייטמאן און מ. גאלאר זענען פארמשפט געווארן אין יפו צו 4 מאנאטן טורמע פאר אנטיילנעמען אין דער אנטי-פאשיסטישער דעמאנסטראציע.

9-טער. — אין תל-אביב איז ארעסטירט געווארן די ארבעטערין שפרה דיכאן. זי ווערט באשולדיקט אין אנגעהערן צום „גוש שמאלי".

אין ירושלים פארגעקומען א משפט פון א. בעק פאר אנגעהערן צום „גוש שמאלי"
ס'האט זיך אנגעהויבן אין תל-אביב דער משפט פון ברנש, שוסטער און ערליך. פאר אנגעהערן צו דער רויטע-הילף.

10-טער. — איין פעלאך איז נעהרגעט געווארן, דריי פארוואונדעט און 2 ארעסטירט בא אן אנגרארן צוזאמענשטויס אין דארף אהרע.

20-טער. — דער משפט איבער 9 מיטגלידער פון פועלי-ציון — פאר ניט רעגיסטרירן זייער קלוב פארמשפט צו 220 מיל קנס יעדערער.

63 פעלאכן פון דארף יאללאו זענען פארמשפט געווארן צו 30 טעג טורמע אין צוזאמענהאנג מיט א אגרארן קאנפליקט, וועלכער איז דארט פארגעקומען.

23-טער. — אפורי און שטיינבערג זענען פארמשפט געווארן צו 6 מאנאטן טורמע פאר אנטיילנעמען אין אן ארבעטסלאזע דעמאנסטראציע אין פתח-תקוה.

פאר דעם מאנאט דעצעמבער זענען ארעסטירט געווארן 12 ארבעטער און 65 פעלאכן. 1 פעלאך איז נעהרגעט געווארן און צוויי פארוואונדעט, ס'זענען פארגעקומען 6 משפטים וווּ 77 מאן זענען געמשפט געווארן.

ס'ה איז אין משך פון סעפטעמבער — דעצעמבער 1928 ארעסטירט געווארן 126 ארבעטער און פעלאכן, ס'זענען פארגעקומען 67 רעוויזיעס, 17 משפטים, 3 ארבעטער זענען ארויסגעשיקט געווארן, 14 ארבעטער און פעלאכן זענען פארוואונדעט געווארן.

---

# נופד'ס נקמה

דער תל-אביבער שופט נופך איז שוין באריםט געווארן אלס א בלוטיקער שונא פון די ארבעטער. שלעכט איז דעם ארבעטער, וועלכער פאלט אריין אין די הענט פון דעם פאלעסטינער געריכט. אבער פיל מאל ערגער איז די לאגע פון דעם, וועלכער פאלט אריין אין די לאפעס פון דעם שופט נופך.

נאר ניט לאנג האט דער דאזיקער שופט צ"ק פארמשפט 2 פתח-תקוה'ער ארבעטער אויף 6 מאנאטן טורמע. דער הארבער פסק-דין איז אויף אזוי פיל געווען אומגערעכטיקט, אז דער יפו'ער קרייז געריכט האט געמוזט אים אפשאפן און נאר בכדי ניט דיסקרעדיטירן איננאנצן זיין קאלעגע האט ער באשטראפט די ארבעטער מיט איין חדש טורמע. און דאס איז ניט דער ערשטער פאל ווען דער קרייז געריכט איז געצוואונגען אפשאפן די שטראפן פון נופד'ן. אזוי ברוטאל און אנגערעכטיק זענען זיי. מיר געדיינקען אז מיט צוויי יאר צוריק האט נופך פארמשפט די ארבעטער לוק און גוסטעק צו 6 מאנאטן טורמע פאר אנטיילנעמען אין 1-טער מאי דעמאנסטראציע. וואס דער יפו'ער קרייז געריכט האט מבטל געמאכט און נאר ניט לאנג האט ער ווידער אמאל מבטל געמאכט דעם פסק-דין איבער משה כהירי, וועלכן נופך האט פארמשפט אויף 50 טעג טורמע פאר אנגעהערן צו דער רויטע-הילף. דער קרייז געריכט האט געפונען אז ס'איז ניטא קיין סמך אויף צו באשטראפן בהיר'ן. אבער וועלכן סמך דארף נופך ? ער טראגט אין הארצן א טיפע שנאה צו די ארבעטער און באזונדערס צו די רעוואלוציאנערן און אויף דעם סמך שטראפט ער. מיר דערמאנען זיך אין א טרויעריקן קוריאז צוליב וועלכן אן ארבעטער איז אפגעזעסן 50 טעג אין טורמע. אין 1926-טן יאר האט מען צו נופד'ן געבראכט דעם ארבעטער-בעקער חצרוני מיט א צעטל ווו ס'איז געווען אנגעשריבן: דער ח' געלער ווערט באפאלמעכטיקט צונויפזאמלען ביכער פאר דער א.פ. חצרוני איז צו זיין אומגליק א געלער און היות א.פ. האט נופך אויסגעטייטשט: „ארבעטער-פראקציע" האט ער אים פארמשפט אויף 50 טעג טורמע.

די לעצטע קרבנות פון נופד'ס נקמה זענען די ח.ח. ברנש, שוסטער און ערליך. די פאליציי האט זיי באשולדיקט, אז זיי פירן אן מיט דער יפו'ער ארג. פון דער רויטע-הילף און נופך האט זיי פארמשפט צו 100 און 2 צו 75 טעג טורמע. ס'איז צו באמערקן, אז לויט דעם געזעץ (נאך פון עבדול-האמידס צייטן) איז דער מאקסימום שטראף 10 פונט אדער 60 טעג טורמע. די פארמשפטע ווערן צום ערשטן מאל פארורטיילט און לגבי אזעלכע איז זיך דער משפט נוהג ניט באשטראפן מיטן מאקסימום. אזוי ארום אז נופך איז דא געווען מער טערק איידער דער טערק אליין.

מער טערק אידער דער טערק אליין און גרעסע־ער שׂנאַ פון די ארבעטער אידען די איספעריאליסטן, וועלכע ער דינט. ווי א געטרייער באדינער באמיט זיך דער שופט נאָך איבערשטייגן אין איבעטער האס זיינע הערן, די ענגלישע איספעריאליסטישע ריכטער. די דאזיקע איינשאצונג פון דעם איבערערמאנטן שופט דרינגען דייטליך פון זיין פסק־דין אין דעם משפט פון די זעקס ארבעטער פון נס־ציונה, וועלכע ער האט באשטראפט מיט דער נאנצער שארפקייט פון דעם אלטן טערקישן געזעץ מיט א „נפך משלוך" — מאקסימום געלט שטראף און מאקסימום ארעסט (דער געזעץ זאגט אדער געלט שטראף אדער טורמע) און דערצו נאך א גירוש פאר 4 פון די 6 ווייל צו זיין גרוים צער זענען די איבעריקע צוויי ארטיקע געבוירענע.

ווער סאיז ביינעוועז דעם משפט איז געווען מיט דער מיינונג אז אויף דער באשולדיקונג־באנק דארפן אוועקגעזעצט ווערן די באשולדיקער. אזוי אפן ליגנעריש און פאלש זענען געווען די עדות פון דעם אפיצער געפער און זיינע פאליסן, וועלכע האבן סותר געווען און געליקנט איינער דעם צווייטן. אבער, ווי געזאגט, נישטיקט זיך ניט דער שופט נאך אין באווייזן, מה דאך אז דער משפט איז פארגעקומען אין די טעג פון דער קאמפיין העצע אין „הארץ" און „דבר" אין צוזאמענהאנג מיט די אנדערע קאנפליקטן ארום חדרה. דער אימפעריאליסטישער שופט, דער פארברענטער ציוניסט נאך האט אין דעם משפט אפגעטאן זיין אימפעריאליסטישע און ציוניסטישע נקמה.

דער זעלבער שופט־צדק איז אן אנגעזעענער ציוניסט און א געזעלשאפטליכער טוער אין תל־אביב. ער ליגט פארטראגן איבער מאל אין האט צום ביישפיל באפרייט „צוליב מאראלע מאטיוון" די פאשיסטן וועלכע זענען אנגעפאלן אויף אן ארבעטער קלוב און האבן פארוואונדעט צו ארבעטער און ארבעטערנס. ווען אבער די פתח־תקוה׳ער ארבעטער האבן, ווי אים האט זיך אויסגעוויזן — צעריסן הערצלס בילד אין דעם משרד פון די פתח־תקוה׳ער פלאנטאטארן האט ער זיי באשטראפט מיט 6 מאנאט טורמע. אין תל־אביב׳ער גימנאזיע לעזט דער הער נופך פארטראגן אויף דער טעמע: קינדער ערציונג און זיצנדיק אויף זיין ריכטער שטול שטראפט ער יעדן מאנטאג אין דאנערשטאג אריטע יתומים, הונגעריקע קינדער מיט מלקות. דארף מען א בעסערן סימבאל פון קלאסן מאראל און קלאסן יוסטיץ?

---

## פֿאַרערט אפשטעלן די גירושים!

# הכנסות און הוצאות

## פון דער פאלעסטינער רויטע־הילף

### פאר די מאנאטן יולי — דעצעמבער 1928.

### (1) הכנסות.

| מאנאטן | הכנסות אין לאנד: שטענדיקע ביישטייערן | הכנסות אין לאנד: זאמלונגען | הכנסות אין לאנד: סה״כ | שטיצע פון אינטערנאציאנאלע ר. ה. | סה״כ הכנסות |
|---|---|---|---|---|---|
| יולי | 9790 | 13230 | 23020 | — | 23020 |
| אויגוסט | 5610 | 3350 | 8960 | 83600 | 92560 |
| סעפטעמבער | 10144 | 15990 | 26134 | 42000 | 68134 |
| אקטאבער | 4185 | 5660 | 9845 | 69280 | 79125 |
| נאוועמבער | 7585 | 2335 | 9920 | 55000 | 64920 |
| דעצעמבער | 5970 | 4900 | 10870 | 76000 | 86870 |
| סה״כ | 43284 | 45465 | 88749 | 325880 | 414629 |

Hebrew Union College – Jewish Institute of Religion Library, Cincinnati, Ohio

## הוצאות. (2)

| מאנאטן | מאטעריעלע שטיצע: נסן דוארין ־סטידשע | מאטעריעלע שטיצע: שטיצע די פאמיליעס זאַ־פאלנטע | סה״כ | יורידישע הילף: האנאראר אדוואקאט | יורידישע הילף: קנס און הוצאות המשפט | סה״כ | קאמפאניעס אגיטאציע | ארגאניזאַציאנעלע, אדמיניסטר. הוצאות | סה״כ הוצאות |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| יולי | 10945 | 10610 | 21555 | — | 7100 | 7100 | 4685 | 8957 | 42297 |
| אוגוסט | 7985 | 28590 | 36575 | 31050 | 1900 | 32950 | 1730 | 9575 | 80830 |
| סעפטעמבער | 9645 | 7135 | 16780 | 10700 | 5120 | 15820 | 21325 | 9395 | 63320 |
| אקטאבער | 8670 | 14840 | 23510 | 8000 | 6730 | 14730 | 2105 | 17367 [1] | 57712 |
| נאוועמבער | 11150 | 20580 | 31730 | 34650 | 7535 | 43185 | 2200 | 9545 | 86660 |
| דעצעמבער | 11900 | 24250 | 36150 | 12000 | 13355 | 25355 | 1365 | 8200 | 71170 |
| סה״כ | 60295 | 106005 [2] | 166300 | 96400 | 41740 | 128140 | 33410 | 63139 | 401989 |

1) אין דעם מאנאט איז פארגעקומען א פלענום פון דער ר.ה.

2) דער וואקס פון דער שטיצע דערקלערט זיך מיט דעם וואקס פון אַרעסטירטע בעלי משפחה.

HEBREW UNION COLLEGE - JEWISH INSTITUTE OF RELIGION - CINCINNATI, OHIO - LIBRARY
54741

## די הכנסה למובת די פאליטישע ארעסטירטע



פארגעסט אונז ניט!

# אינהאלט:


1. מיר פאדערן.
2. די טרויער וואך.
3. די רויטע הילף אין פארפאליע.
4. קינדער פארפאלגונגען.
5. אנדערע קאנפליקטן.
6. טיורמע רעזשים.
7. זאלן די פאקטן עדות זאגן.
8. נופלים נקסה.
9. הכנסות און הוצאות